# סצענע 11 ג'
## Escena 11 C

### קבלת- שבת
### Recibiendo el Shabat

גאָלדע - אוי גאָטעניו... מײַן רייזעלע וועט אַ כּלה ווערן... זי זעט אויס אַזוי שיין... דער שיינקײַט- סאַלאָן און די דאָקטוירים האָבן אַ סך געהאָלפֿן אין דעם שידוך... און מאָטל... וועט אַ ווילער איידעם זײַן !

יאָסל - מײַן ליאַלקע וועט חתונה האָבן ... זי גייט אַוועק פֿונדער היים. און די צײַטן זײַנען נישט קיין גרינגע. איך האָף אַז מאָטל וועט קענען מאַכן אַ לעבן...

גיטל - אוי, מײַן מאָטל, מײַן קינד... מיר וועלן אים פֿירן צו דער חופּה. טפֿו, טפֿו, אַזאַ שיינער איז ער... און רייזל וועט זײַן מײַן שנור... נישט קיין קראַסאַוויצע, אָבער אַ גוטע מויד איז זי... און זי קען קאָכן... נאָכן אָוונטברויט דאַרפֿן מיר רעדן מיט רייזלס טאַטע-מאַמע, און נאָך דעם, פּלאַנירן די חתונה.. אַזוי פֿיל זאַכן דאַרפֿן מיר טאָן... און איך מוז קויפֿן זייער אַ שיין קלייד, גיין אין שיינקײַט-סאַלאָן...

בערל - קיין עין- הרע גוטע קינדער. אַ גוטע משפּחה... מממ, נאָכן עסן דאַרף איך רעדן מיט יאָסלען וועגן דער חתונה... איך האָף אַז גיטל און גאָלדע וועלן נישט צו פֿיל רעדן... עס איז נישט קיין גרינגער ענין...

רייזל - מאָטל איז מײַן באַשערטער... אַן אינטעליגענטער, אַ שיינער, מיט אַן אינטערעסאַנטע פּראָפֿעסיע... און אַ זיסער איז ער. מיר האָבן זיך ליב... מײַנע חבֿרטעס וועלן מיר אַזוי מקנא זײַן!

ציווקע - עס איז געווען אַ גוטע זאַך וואָס איך האָב מײַן ברודער אויסגעלערנט טאַנצן... נישט נאָר וואָס ער האָט אַ כּלה געפֿונען ... ער וועט אַפֿילו קענען טאַנצן אויף זײַן חתונה!!!

מאָטל - איך האָב סוף -כּל- סוף געפֿונען וואָס איך האָב געזוכט... אַ שיין מיידל, מיט שיינע אויגן, שיינע האָר, שיינע... און אַן אינטעליגענטע אויך: אַ לערערקע וויל זי זײַן ! איך וועל איר קענען אַרויסהעלפֿן אין איר אַרבעט בײַם שטעלן מיינונגען און דורכשניטן. זי איז אַ פֿריילעכע, און זי קאָכט אַזוי געשמאַק!

זעליג - די צײַט איז אַריבער... מײַן קליינע רייזעלע איז שוין געוואָרן אַ גרויסע בלום ! איך בין געבענטשט וואָס איך וועל איר קענען פֿירן צו דער חופּה...

גיסע-ביילע - אַ שיינער שידוך, און אַלץ אַ דאַנק די ייִדישע מאכלים.

מענדל - נו, ווער וואָלט עס געקענט גלייבן, מײַן שוועסטער וועט שוין חתונה האָבן ... און איך בין אַזוי הונגעריק !!!